קליינע ביבליאָטעק „ליריק“.

י. דאברושין

# אל. בלאק



48

קיעוו—1921.

קלײנע ביבליאָטעק „ליריק“

י. דאָברושין

# אלעקסאנדר בלאָק

(עטיוד)

מלוכע־פֿאַרלאַג, ײדסעקציע
קיעוו — 1921.

צוגעגרייט
דורך
„קולטור-ליגע"

אינטערנאציאנאלע מלוכע דרוקעריי׳ קרעשטשאטיק 2.
באשטעלונג 5—4 2329 — 33 (5000 עקז׳) (ע. מ. צ. קיעוו).

דער בלאער:

הונדערטער יארן פארשוואומען, ווי כאלוימעס,
כ'האב לאנג דיך געוואַרט אף דער ערד.

די אומבאקאנטע:

הונדערטער יארן פארשוואומען, ווי רעגעס
א שטערן געוועזן בין, אין ווייטן געשוועבט

דער בלאער:

האסט פון דיין הויך מיר געפינקלט,
אף מיין בלאען מאנטל שימערירט

די אומבאקאנטע:

האסט אריינגעקוקט אין מיינע אויגן.
אפט אין הימל ווענדסטו דיין בליק?

דער בלאער:

כ'קאן מער שוין מיין בליק ניט ווענדן צו הויך,
דו, די פאלנדיקע, פארשמידט האסט מיין בליק

די אומבאקאנטע:

קאנסטו מיר זאגן ניט ערדישע ווערטער?
איינגאנצן פאר וואס ביסט א בלאער אזא?

דער בלאער:

א צייט, א סאך צייט, כ'האב אין הימל געקוקט!
מיין מאנטל און אויגן—דערפאר זיינען בלא.

די אומבאקאנטע!

ווער ביסטו?

דער בלאער:

א דיכטער.

די אומבאקאנטע:

וועגן וואס זינגסטו?

דער בלאער:

אלץ וועגן דיר.

די אומבאקאנטע:

און שוין לאנג, אז דו ווארטסט?

דער בלאער:

יארהונדערטן לאנג.

די אומבאקאנטע!

ביסט לעבעדיק, צי טויט?

דער בלאער!

כ'ווייס ניט.

די אומבאקאנטע!

ביסט יונג?

ד ע ר ב ל א ע ר :

כ'בין שיין.

ד י א ו מ ב א ק א נ ט ע:

דאס פאלנדיקע מיידל־שטערן

פארלאנגט ערדישע ווערטער.

ד ע ר ב ל א ע י:

בלויז פון סוידעס דערציילן זיך קאן,

בלויז דער ייבענע זיינען מיינע רייד.

(א. בלאק. די אומבאקאנטע)

צוהערן זיך צום מינדסטן שארך פון
אייגענעם פארטיפטן געפיל, רעגנבויגנדיק
באפארבן יעדער צאפל, וואס איז אנגעקומען
צום דיכטערישן אויג און אויער, א לעבן
טראפנווייס צאפן פון זיך די פארבארגנסטע
ליידנשאפטן, א לעבן פארוואגדלען זיי אין
פערלענע פארמען, אין קאמצאניש-קארגע און
צניעסדיקע ווערטער און שורעס—

דאָס האט געטאן דער רוסישער דיכ-
טער אַלעקסאנדר בלאק.

ער האָט ניט וויניק געשריבן, אָט דער
פארשטארבענער דיכטער — אַ פארמעגן פון
עטלאכע בענדער, אָנגעפילטע מיט געטאקטע
פּאָעטישע ציילן—און דאך, דאכטן דאכט זיך
דאך, אַז מיר האבן צו טאן בלויז מיט איין

פאעמע, בלויז מיט איין געזאנג, אייגנטלאך, מיט איין ליד, וואס דער דיכטער האט ארויסגעזאגט ניט אפעטעמענדיק אפילע פון דער ערשטער שורע ביז דער לעצטער.

איין פאעמע, איין געזאנג, איין ליד.

ווייל אין דער עמעסן זינגט בלאק אף איינעם און דעם זעלבן מאטיוו—אפן מאטיוו פין א מענשן, וואס האט זיך אין סאמע מיט פון לעבן מיט פארמאכטע אויגן געשטעלט, אלע בלאנדזענדיקע ווינטן מיטן הארצן אופגענומען און מיט בלינדן בליק אליין צו זיך, צו דער אייגענער נשאמע מיט א טפילע זיך געווענדעט, מיט איינעם און דעם זעלביקן נוסאך געדאוונט.

ווארום ער איז געווען א פרומער, אלעקסאנדר בלאק, דער מאנאך און דער ריטער פון דער רוסישער מאדערנער קולטור. דער פרימסטער, צוגלויבן, פון אלע מאדערנע דיכטער, פרום מיטן אינסטינקט, מיט די

כושים, אַט ווי אַ מענש, וואָס ניט ער דיינקט פון גאָט, ניט ער ווייסט שוין פון גאָט, אָבער עלטער-עלטער דוירעס האָבן ביז אים דעם גאָט געגנוי געזען, און ער האָט דעריבער צו אים אַ כוש בּאַקומען, אַ בּאַצי-הונג און אַ ביינקשאַפט, אַליבּע און אַ פּאַ-כאַד...

זאָגט דער דיכטער:

„זאָל איך עפּעטער אָפּקערן
צום אייביקן רו,
„און וואָס איז פּאַר אַ לעבן
אָן אַמאָנאַב-הוט".

און דעריבער —

פון וואָס ער זאָל ניט שרייבן, בּלאַק: פון נאַטור און לעבן, פון פרוי און ליבּע — אומעטום בּלייבּט ער דער צניעסדיקער פרוּ-מער זינגער, וואָס בּאַהאַלט זיינע עראָטישע פאַרלאַנגען אַפילע אונטערן בּלאָען שלייער פון ריין-הימלשע איבּערלעבּונגען.

„נײן, דער אומשטאַרבלאכער גײסט
ארױס איז פון גאָטס פױער
מיט אײגענער באקאנטער מיר ליד
באַאומרואיקן מײן אויער
(ערשטער באנד לידער, זײט 50)

און טאַקע אַזױ. דאָס ליד פונם אומשטאַרבלאכן גײסט, וואָס שטאַמט פון גאָטס הויז, דער איבערגעדיכטעטער געזאַנג פון קלויסטערשן מיסלאַלטער האָט אנגעפילט מיט אַ באַזונדערן פרומען קלאַנגען-צאַפּל בלאַקס נשאָמע און בלאַקס פּאָעטיק.

און ניט קײן גלױביקער איז ער דאָך, בלאָק, ניט קײן מאַיימ־ן. צוזאַמען מיט זײן געזעלשאַפטלאַכן דאָר האָט ער לאַנג אופגעהערט גלויבן. די עמונע, די קאָנקרעטע און זאַכלאַכע רעליגיעזע עמונע, האָט ער צוזאַמען מיט דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ שוין אף אײביק און מיט אַלעמען פאַרלאָרן. אָבער מיט אײניקע פון אָט דער אינטעלע-

גענץ—און דאַווקע ניט מיט די ערגסטע—האָט ער פארהיט אַזא מין קולט, אזא מין פארשפע-טיקטן רעליגיעזן וועלט-געפיל מיט אן אנט-שפרעכנדער גייסט-שפראַך.

אין דער אלטער אָפּגעלעבטער פרו-מער קולטור האָט בלאָק זײַן דיכטערישן פענזל אָפּט געטוקט און זײַן נייען נשאָמע-צושטאנד, זײַנע מאָדערנע פאָרגעפילן, אין אַלטן פאַרביקן לוואוש אָנגעקליידט. און אָט דער פארביקער לוואוש האט אַזוי ארום א דויערנדיקן אויסטײַטש באקומען, די אַלטע ווערטן זיינען אַף אַזא אויפן אין סימבאָלן פארוואַנדלט געוואָרן.

און א י ז ן א י ז ער דאָך, בלאָק, דער דיכטער און ל י ר י ק ע ר פון די דאָזיקע סימ-באָלן, אָט ווי זײַנע כאוויירים סאָלאָוויאָוו, אי-וואנאָוו, בריוסאָוו און בעלי, וואָס זײַנען די דיכטער-טעאָרעטיקער, פילאָזאָפן און טעאָסאפן פון דעם זעלביקן רוסישן סימבאָליזם.

יאָ, די רוסישע סימבאָלישע ליטעראַ-טור האָט א סאַך באַדייַטנדע דיכטער געהאַט, ווייַל יעדער סימבאָלישער שאַפן איז אין טאך שוין א דיכטערישער טאט — אָבער אַלעק-סאַנדר בלאָק, דער אייַנאַרטיקער, צו גלויבן, און ווייניק קאסמישער אלעקסאַנדער בלאָק, איז צו זיין סימבאָליק דורך דער דיכטונג געקומען און ניט פאַרקערט, ווי אַלע אנ-דערע.

ער האָט קוידעם קאָל לירישע ווערטן באשאפן, ער האָט קוידעם קאָל סימבאָלישע זעהונגען פאַרמאָגט און זיי אין סימבאָלישע בילדער פארקערפערט און דעריבער איז ער און ניט קיין אַנדערער געבליבן דער געזאַלבּ-טער דיכטער, דער עכטער ליריקער פונם רוסישן סימבאָליזם.

---

דער רוסישער סימבאָליזם.

אַ געזעטיקטער מיט אַלטע און נײַע קולטור-געבאָטן איז ער געקומען, אַ פּולער, ווי אַ מילגראַם. איבער לענדער און דוירעס האָט זיך דער רוסישער געזעלשאַפטלאַכער געדאַנק דערמאָלט פאַרשפּרייט, אומעטום דורשטיק געלערנט און פון אומעטום די בעסטע קולטור-פּרוכטן אַרײַנגעבראַכט.

אָבער געווען איז דאָס שוין אין דער צײַט, ווען טעאָפיל גאָטיע, דער פאָטער פון פראַנצויזישן סימבאָליזם, האָט ערקלערט, אַז

„Le monde visible a disparu"

„די זעהבאַרע וועלט איז פאַרשוואונדן".

און די דאָזיקע זעהבאַרע וועלט פון דעם אַלטן אָפּגעלעבטן לעבנס-שפּייגער איז טאַקע פאַרשוואונדן. פאַרשוואונדן איז זי ביכאָל האַפּאָכעס, פאַר די בעסטע קינסטלער און דיינקער, וואָס האָבן אָט די וועלט שוין אויפגעהערט אָנערקענען, און דאָך נאָך ניט פאַרמאָגט און אויך נאָך ניט געגלויבט אין

דער נײַער ווירקלאכקײַט, וואָס האָט באַ-
דאַרפט די אלטע פארבײַטן.

און פון דער ארומיקער מאַמאָשעס,
פון דער לעבעדיקער און פון דער, וואָס האָט
זיך שוין אין קולטור פארוואנדלט, האָבן זיי
זיך שוין בלויז צ יי כ נ ס געמאכט און מיט זיי
זייערע אייגענע געדאנקען און זעהונגען אויסגע-
טייטשט. פארשווינדט דערום פאר זייערע אויגן
דער עקסיסטירנדער מענש מיט זײַנע פיזישע
אייגנשאַפטן, די נאטור מיט אירע רעעלע
פאָרמען. דער בוים און דער בלאַט ווערט
פארוואַנדלט אין קלאנג און פארב, אין
דעם קלאַנג און דעם פאַרב, וואָס וועקט א
באַוואוסטע אסאָציאַטיווע פאַרשטעלונג באַ
דעם קולטורזאַטן און מעמיילע אויך אסאָציאַ-
ציאָנספולן שרײַבער.

„Les violons
Congs
de l'automne"—

„די לאנגע פידלען פונם האַרבסט".

אזוי האָט געזועהען און אזוי האָט קלאנגנארטיק באשריבן דעם הארבסט דער פראנצויזישער סימבאָלישער דיכטער פּאָל ווערלען. און דער רוסישער בלאָק האָט אויך געזועהען „בלאָע שנייען”, געפילט „הייסע ווינטערדיקע נעפלען” און געהערט ריידן „לאנגע אייגנבליקן”.

וואָרום דער איקער איז דאָ ניט די באַגרעניצטע ב׳עצעם טעווע פון די דיכטע-רישע אָביעקטן, דער איקער איז דאָ דער דיכטערישער סוביעקט, וואָס אָרגאַניזירט אַף זיין נייעם אייגענעם שטייגער באַטורעלע וועגנס און איבערלעבונגען, וואָס פאַרמאָגן אַ קלענערע אָדער גרעסערע שטאַנדהאַפטיקייט. דורכן סימבאָל פירט ער זיי אַריין אין קרייז פון זיין קולטור-פאַרמעגן און מאַכט זיי שעפעריש פאַרן מאָדערנעם טיף-אינהאַלטלאַכן געדאַנק.

און אָט האָט דער רוסישער סימבאָלי-קער בלאָק באַרייכערט, אַ כוץ אלעמען, דעם

רוסישן קונסט-ווארט. אריינגעמענדיק אין קרייז פון דיכטונג די אלע צוגעקומענע, ער-ווארבענע דורך דער אויסגעוואקסענער קול-טור, אבסטראקטע באגריפן און אויסדריקן. ארום די לאמדישע, רעטארישע-טרוקענע ווער-טער פונם נייעם ווערטער-בוך האט בלאק באשאפן א אינטימע בילדערישע סוויווע, אפ-געטוקט זיי אין סימבאלישע אסאציאציעס און אף אזא אויפן ארגאניש פארפלאנצט זיי, גע-מאכט פאר פלאסטישע קערפערשאפטן פון דער רוסישער שפראך.

אבער ניט נאר איינצעלנע קולטור-שטימונגען און קולטור-איבערלעבונגען האט בלאק פארפלאכטן מיטן רוסישן בילדערישן ווארט. גאנצענע פלאסטן פון קולטורעלע פארגאנגענהייט, אראמאטן פון קולטור-סקו-פעס, פארשוואונדענע פיגורן, עגיפטישע, גריכישע, מיטלאלטערישע. האט ער ארייג-געבראכט פון דער פרעמד און סימבאליש

פאַרבינדן זיי מיט דער מאָדערנער שטימונג, מיט דער מאָדערנער ווירקלאכקײַט.

Так явственно из глубины веков
Пытливый ум готовит к возрожденью
Забытый гул погибших городов
И бытия возвратное движенье.

(אזוי דײַטלאך פון טיפעניש פון יאָרהונדערטן לעבט אוף דער פאָרשנדער געדאַנק דעם פאַר־געסענעם רויש פון אומגעקומענע שטעט און דעם צוריקגעקומענעם לויף פון זײַן).

(ערשטער באנד לידער, זײַט 34)

אזוי האָט געזונגען בלאָק, וואָס האָט געוואוסט, אז:

„די קונסט — ס׳א מאסע אַף אַקסלען!“

וואָרום איבער אָט דער מאסע איז ער ארײַנגעפאַלן אין א פעסימיסטישער אַצוועס, ער גופא — בלאָק דער קינסטלער, בלאָק דער ליריקער.

צו גרויס איז זי, די קולטור־פאַרגאַנגענהייט, און וועלכער ס׳האָבן שפעטער א

ביסל אָזוי דרייסט און שפּעריש מוירעד געווען פוטוריסטישע דיכטער—צו שווער איז איר יאָך און געשטיקט, נעדריקט האָט זי דעם סימבאָליקער בלאָקן, וואָס האָט, ווי אלע זיינע כאַוויירים סימבאָליקער, די פאַרשטייער פון יענעם אינטעליגענטיש-נעזעלשאַפטלאַכן פּעריאָד, ניט געוואוסט וואוהין זי אַהינצוטאָן. ווייל, צערייסנדיק בעצם מיטן באַלעבאַטישן געגנוואַרט, האָבן די אלע סימבאָליקער דאָך ניט געפונען דעם וועג צו דעם נייעם אָסיד, ניט בעהעפט זיך מיטן קומענדיקן עמעסן און באַרופענעם יורעש פון דער גאַנצער קולטורערע שעפע.

און געדרייט האָט זיך דערפאַר בלאָק אין „פאַרשלאָסענעם קרייז", ווי ער האָט אים אליין אָנגערופן, אין פאַרקישעפטן קרייז פון אָנגעזאמעלטע צוועָר'דיקע ווערטן, אַרויסגערופן צום לעבן געוועזענע טרוים-פארשוינגען, געבויט טרוימערישע קלויסטערס און פאַלאַצן און

אליין אומגעגאַן אַ פרעמדער, אַ פאַרבייַנקטער.

„און כיקום אום א פרינץ אין איינגן לאנד•
„מיט פארמאכטן שארף.מעסער געשטאבען"

וואָרום אייגנטליך, איז גאָר בלאָק אַ פרינץ אָן א לאַנד, א ריטער אָן אַ דאַמע, אַ הייליקער אָן אַ נעס און א קישעפמאַכער אָן וואונדער.

ניט מיטן קאָנקרעטן אינהאַלט פון די פאַרגאַנגענע וועלטן האָט דאָך בלאָק גע-לעבט, אויסגענוצט האָט ער בלויז זייערע אויסגעטרוימטע שיינקייַטן און „הייליק גע-לייַגט", ווי ער האָט בילדעריש זיך אויסגע-דריקט. מ'קויאַן דעם, וואָס פאַר אים איז שוין געווען פאַריבער.

האָט בלאָק דער סימבאָליקער שטענדיק געפילט די סטירע צווישן זייַן לעגענדאַריש-צאַפּלדיקער נשאָמע מיט דער אַרומיקער ניכ-טערער ווירקלאַכקייט. דעם דאָזיקן ראיען האָט ער אַזוי אייגנאַרטיק פאַרטיפט אין זייַן „באַ-

לאגאַנטשיק", וואו דער מכאַבער,—ניט דער דיכטער, נאָר דער מכאַבער,—גייט אליין אַרויס אפן סצענע אָפּלייקענען זײַנע אייגענע סימבאָלן.

דעם דאָזיקן ראַיען האָט זר ביכלאָל געלייגט אין יסאָד פון זײַנע דראַמאַטישע ווערק, פּרואוונדיק שאַפֿן זײַן אייגענעם טע-אַטר, דעם בלאָק-טעאַטר, ניט קײַן סימבאָלישן טעאַטר, נאָר אַ טעאַטר פון סימבאָלן.

אין דעם ערשטן — אין דעם טשעכאָוו-מעטערלינקישן — ווערן די געשטאַלטן פּאַרסימבאָליזירט אין מעשעך פון דער האַנד-לונג, און אין דעם צווייטן, דעם בלאָק-טע-אַטר, זײַנען די געשטאַלטן פון לכאַטכילע אָן סימבאָלישע ווערגס, וואָס קומען פאַר-טײַטשן זייער אייגענע אויסקלערעניש — ס' טעאַטראַלע מאַזאַיק פון סימבאָלן...

„און ווידער גיי איך צו צום פענסטער
„אין איינגעליבטער אין דער שיטערירינדיקער לעגענדע"

—דערציילט בלאָק, וואָס האָט אין זיין שע-
דעווערישן ליד „טויטן-טאַנץ“ (דריטער באנד,
זייט 27) דעם שאָפּעלן אפּילע שטייגער-מענשל
סימבאָליש-אײַסעדיק באַשײַנט, דער ב׳אָק, וואָס
האָט טאַקע די גרומיקע ניכטערע שטיינער-
לויט אָנגעזעטיקט מיט געהיימע שאָרכן,
סוידעסדיקע אָפּגלאנצן און פאטאלע פאָרגע-
פילן. און דאָך איז בלאָק אליין זיך ,מוידע,
אינם סאָף פון אַ ליד איז ער זיך מוידע:

В этом вся моя сказка, добрые люди,
Мне больше не надо от вас ничего.
Я никогда не мечтал о чуде—
И вы успокойтесь и забудьте про него.

(דערין געשטייט מיין גאנצע מייסע, ליבע
לייט, מער פאָדער איך פון אייך גאָר נישט. כ׳האָב
קיינמאָל ניט געטרוימט פון אַ נעס און אייך איר
באַרוהיקט אייך און פאַרגעסט אָן אים.)
(ערשטער באנד לידער, זייט 166)

יאָ. אין די צײַטן, ווען:

„די זון איז אף וועלט שוין מער ניט פאראנען“—

ווי בלאָק דערציילט, — אין צײַטן פון פינסטערער געזעלשאַפטלעכער אָפּהענגיקײַט— וועלן קיין ניסים געשייען. און דער דיכטער, וואָס ווייס, אז:

„מיר זיינען קינדער פון רוסלאנדס מוירעדיקע יאָרן״, דער דיכטער, וואָס רופט אָן אַ טייל פונם דריטן באנד לידער מיטן נאָמען „מוירעדיקע וועלט״—פאלט אריין אין א טווימערישער מאָרע-שכוירע. אָט דער פערטער באַנד זיינער איז אָנגעזאַפּט מיט אַצוועס, צווייפל און טויט, מיט ייעשדיקן כאָלעם און פארכאָלעמטן ייעש.

Ночь, улица, фонарь, аптека,
Безсмысленный тусклый свет.

Живи еще хоть четверть века —
Все будет так. Исхода нет.

Умрешь—начнем опять сначала
И повторится все как встарь :

Ночь, ледяная рябь канала,
Аптека, улица, фонарь.

(נאַכט, גאַס, לאַמטערן, אַפּטייק. אַן אומזיני-קער טונקעלער שײַן. לעב אַפילע נאָך א פערטל יאָרהונדערט — תּאָמ זײַן אַלץ דאָס זעלבע. ניטאָ קיין אויסגאַנג, וועסט שטאַרבן — און אָנהייבן ווי-דער פון אָנהייב, און ס'וועט זיך איבערכאַזערן; דאָס אַלטע: נאַכט, גליווערנדער אייבנאַיף פון קאַנאַל, אַפּטייק, גאַס, לאַמטערן)...

(געזאַמעלטע לידער דריטער באַנד, זייט 30)

**צו אָט דעם ניצשעאַנישן מאָטיוו פון „אייביקן ראָדגאַנג" קערט זיך א סאַך מאָל אום דער דיכטער.**

**דער דיכטער וואָס איז באַגלויבט אַז:**

Кольцо существованья тесно:
Как все пути приводятв Рим,
Так нам заранее известно,
Что все мы рабски повторим.

(דער רינג פון זײַן איז איינג: אָט ווי אַלע וועגן, וואָס פירן אין רוים, אַזוי איז אונז פון פאַר פריער באַוואוסט, אַז מיר וועלן אַלץ קנעכטיש איבערכאַזערן).

(דריטער באַנד לידער, 142)

אין צייטן, ווען קולטורן האָבּן געהאַלטן בּאַ אונטערגיין, האָט דער דאָזיקער ראַיען שטענדיק בּאַקומען א טקומע. אָבּער זיי האָבן אַ בּעפּיירישן טאָעס, די יעניקע, וואָס מיינען איצט דעריבּער, אַז בּלאָק איז דער יאָרדישער דיכטער, דער דיכטער פונם דעקאַדאַנס, ניין:

Я вышел в ночь узнать, понять
Далекий шорох, близкий ропот,
Несуществующих принять,
Поверить в мнимый конский топот.

(כ'בּין אַרויס אין נאַכט דערוויסן, פאַרשטיין דעם
וויטן שאָרך, דעם נאָענטן מורמל, בּאַגעגענען
די, וואָס זיינען נאָך ניט פאַראַנען, אָנהויבּן גלויבּ'
אין קלוימערשטן פּוס-געדודער פון פערד).

(געזאמלטע לידער ערשטער בּאנד, ז. 122)

דערציילט אונז בּלאָק אף זיין שיינעם בּילדעריש-סימבּאָלישן שטייגער. אַ סימען, אַז מיט זיינע דיכטערישע אויבּער-כושים האָט ער שוין לאַנג דערשפּירט דעם שטורמישן

טראַט פון די שפּעטערדיקע "צוועלף". עטעס, די „נאכט" האָט זיך פארצויגן און בלאָק האָט א סאך מאָל געזינגען אָפן מאָטיוו:

И к вздрагиваньям медленнаге хлада
Усталую ты душу приучи,
Чтобы было здесь ей ничего не надо,
Когда оттуда ринутся лучи.

(און צום ציטער פון לאַנגזאַמער קעלט געוואוין
דיין מידע נשאָמע, זי זאָל דאָ גאָרנישט ניט באַדאַרפן,
ווען פון דאָרטן וועלן אַראָפּפאַלן די שטראַלן).

(געזאַמלטע לידער דריטער באנד, ז. 113)

אָבער דער דאָזיקער פעסימיזם — ס'איז דער שעפערישער פעסימיזם פון א דאָר, אָט ווי דער „קהלת", אַ שטייגער, איז דער שעפערישער פעסימיזם פון דער גאַרער מענשהייט.

ניט קיין אויסגעלאָשענע דעקאדענטישע האַרץ האָט געשלאָגן אין בלאָקס ברוסט. און די פכאדימדיקע פארבן, וואָס פארשווארצן אָפט דעם ליכט-שאטנדיקן שפיל פון זיינע

לידער, שטאמען אין טאָך פון די אונטערער־דישע ווייטאָקדיקע פאָלקס־טהוימען,—זייַנען זיי, די דאָזיקע שווארצע פארבן, בכאָל אויפן אָרגאנישע און מעמיילע אויך שעפערישע.

און האָבן דאָך אָט די זעלביקע פאָלקס־טהוימען געבראכט טאָקע בלאָקן צו דער פאָעמע פו די רוסישע סטיכייאישע קרעפטן. בלאָקס רעוואָלוציאָנערע און „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע" „צוועלף", דעקן אוף דעם מיס־טישן פאָנים פון זיין סימבאָליזם. און אים, גראָד אים, דעם דיכטער פון אבסטראקטע וועלט־ווערטן, איז באשערט געווען באשאפן דעם דאָזיקן נאַציאָנאלן מאנומענט און דערבײַ גופע שטעלן א זיכערע פוס, מאכן דעם ערשטן שפאָן אין די שטורמישע ווייטן פון דעם רוסישן פלאסטישן נייגײַסט.

Но верю не пройдет бесследно
Все, что так страстно я любил,

Весь трепет этой жизни бедной.
Весь этот непонятный пыл.

(אַבער כ'גלויב ס'וועט ניט פֿאַרשוואונדן אָן
אַ שפּור אַלץ, וואָס כ'האָב אַזוי ליידנשאַפֿטלאך
געליבט, דער גאַנצער צאַפּל פֿונם דאָזיקן אָרימען
לעבן, דער דאָזיקער גאַנצער אומפֿאַרשטאַנדלא-
כער אימפּעט.)

(געזאַמלטע לידער דריטער באַנד, זייט 111)

**בלאָק איז געווען גערעכט. זיין „השארת הנפש" געהערט דער ערד. דאָס „אוי-לאם-האבע'שע", דעם שיין פון א דוירעסווייז געטרוימטער „יענער וועלט" האָט ער אליין אַראָפּגעבראכט אף דער וועלט. אליין האָט ער פאראייניקט די אָנגעוואקסענע גאשמיעס מיט דער אלטער רוכניעס, באהעפט האָט ער די גאָסן-מויד מיט דער הייליקער מאדאָנע: די „לידער פון דער שיינער דאמע" — ס'א דיינקמאָל דער פארביינקטער פרומער און ציכטיקער נשאָמע פון אַ מאָדערנעם ריטע-רישן דיכטער.**

И мне, к всем, тот же жребий
Мерещится в грядущей мгле:
Опять любить Ее на небе
И изменьть ей на земле.

(און מיר אויך, ווי אַלעמען, דער זעלבער
מאַזל שיינט ארויס פון קומענדיקן נעפל: ווידער
ליבן זי אפן הימל און פעלשן אף דער ערד).

(געזאמלטע לידער דריטער באנד, ז. 142)

גרויסע זינדער פון א דאָר האָבן דאָ
געפונען זייער דיכטערישן טיקן. אין א צייט
פון פארשייטע יאָרדישע פארלאנגען האָט די
רוסישע קולטור פארגינען זיך פארמאָגן איר
מענעסטרעל, איר ריטערישן זינגער מיט פאר-
טיפטע ליידנשאַפטן און א אומשולדיק
הארץ.

---

ווי זיין „בלאָער" פון דער „אומבא-
קאַנטער" האָט אויך בלאָק א צייט-לאנג אין
הימל געקוקט. קיין גאָט האָט ער דאָרט ניט
געפונען — דער גאָט האָט שוין דעם הימל

פארלאָזן, אָבער דער דיכטער האָט דעם הימל שוין איינגעזאפט און צו דער ערד מיט הימל-לידער זיך געווענדעט.

די אומבאקאנטע:
דאָס פאלנדיקע מידל-שטערן
פארלאנגט ערדישע ווערטער.

דער בלאָזער:
בלויז פון סוידעס דערציילן איך קאָן,
בלויז דערהויבענע זינגען מיינע רייד.

מיט אָט דעם מוז פון „ערדישע ווער-טער" און מיט דערביינקשאפט נאָך „סוידעס" און „דערהויבענע רייד", מיט אָט דיביידע הויפט-איקרים — דעם גוף און דער נשאָמע פון סימבאָלישן שאַפן — האָט אלעקסאנדר בלאָק זיך פארוואָרצלט אין סאַמע דיכטערישן מיט פון רוסישן געבענשטן קונסט-וואָרט.

מאָסקווע, 1921 י.

# ביכער פון אַלעקסאַנדר בלאָק.

---

לידער. ערשטער בוך. (לידער פון דער שיינער דאמע 1897—1904).

לידער. צווייטער בוך. (אריינפיר. ערד־בלעזלאך. נאכט־פיאלקע. פארשידענע לידער. שטאט. שניי־מאסקע. פאינע. פרייע געדאנקען).

לידער. דריטער בוך. (מוירעדיקע וועלט. נקאמע. היימקער. איטאליענישע לידער. אַרפן און פידלען. קארמען. פאטערלאַנד וועגן וואס זינגט דער ווינט).

גראווער פרימארגן. (לידער).

טעאטער. באלאגאנטשיק, דער מעלעך אפן פלאץ. אומבאקאנטע. טעאפיל'ס נעס. די רויז און דער קרייץ).

הינטערן ראנד פון פארגאנגענע טעג. (לידער 1898—1903).

צוועלף. (פּאָעמע).

קאטילינע. (סקיצע).

יאַמבן. (הײנטצײטיקע לידער).

דאָס ליד פון דעם מאַזל. (דראַמאַטישע פּאָעמע).

רוסלאַנד און די אינטעליגענץ. (אַרטיקלען).

ראַמזעס. (אַ לעבנס-בילד פון אַלטן מיצרים).

קונסט-בליצן. (אַרטיקלען).